# פרשת ראה כ"ד אב – א' דר"ח אלול תשע"ו לפ"ק

***יום ראשון פרשת ראה***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפילין להבחור **יונתן בנימין** נ"ו בן הר"ר **נחמיה פייערווערקער** הי"ו. אחר התפלה השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות אחר הצהרים השתתף **רבינו שליט"א** אצל מסיבה לרגל סיום זמן הקיץ בישיבה גדולה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** האט פריער געזינגען, אודה ה' מאד בפי ובתוך רבים אהללנו (תהלים קט-ל). מען דארף געבן א שבח והודאה פארן אייבערשטען, אז מען איז אדורכגעגאנגען א יאר, מען איז אדורכגעגאנגען דעם זומער, ב"ה. איך האב אזוי געטראכט, עס איז געווען דער ערשטער יאר פון די ישיבה גדולה, כל התחלות קשות (רש"י שמות יט-ה), מען איז אדורכגעגאנגען אסאך שוועריקייטן ביז מען האט עס מסדר געווען. אזוי ווי יעדע נייע זאך, נעמט צייט ביז די זאך שטעלט זיך אויס. און ב"ה די בחורים האב מצליח געווען אין זייערע לימודים. ועל כולם, דער קעמפ, וואס יעדער בחור לפי ערכו איז אסאך געשטיגן במשך פונעם זומער. דארף מען אפגעבן א שבח והודאה, אודה ה' מאד בפי ובתוך רבים אהללנו, אויפן עבר און אויף להבא. דער אייבערשטער זאל געבן אויף שפעטער, אז מען זאל קענען אויסנוצן די יארן וואס מען דארף זיין אין ישיבה, צו קענען שטייגען.

**עס** איז מקצת שבחו בפניו, ענקער מגיד שיעור רבי יואל האט אריינגעלייגט אזויפיל כוחות צו לערנען מיט ענק די שיעורים, עס איז זיכער אז עס וועט בלייבען א תועלת אויפן עיון התורה און אויפן עמל התורה אויף שפעטער. רבי יואל וועט נישט ברוגז זיין אז איך וועל זאגן, אז זיין עמלות בתורה, און זיין התמדת התורה, ווארפט א גרויסן ליכט אויף די בחורים, צו זעהן וואס מען דארף שטרעבן, און ווי אזוי מען דארף אויסוואקסען. און פאר מיר פערזענליך, דאס דאווענען יעדן טאג פון רבי יואל פארן עמוד, האט צוגעגעבן אסאך פאר אונזערע תפלות. זאל דער אייבערשטער געבן ווייטער אויך, אז מען זאל קענען אסאך יארן נהנה זיין אינאיינעם אי"ה.

**די** תורה הק' זאגט אין די פאריגע וואכעדיגע פרשה, ועתה ישראל מה ה' אלקיך שואל מעמך, וואס בעהט דער אייבערשטער פון דיר, כי אם ליראה את ה' אלקיך, ללכת בדרכיו, ולאהבה אותו, ולעבוד את ה' אלקיך בכל לבבך ובכל נפשך, לשמור את מצות ה' ואת חקתיו אשר אנכי מצוך היום, מען זאל אפהיטן אלע מצות פונעם אייבערשטען, לטוב לך (דברים י-יב), כדי עס זאל זיין גוט פאר דיר. דער **רמב"ן** זאגט, אז דער 'לטוב לך' איז א סיום פאר די צוויי פסוקים. מה ה' אלקיך שואל מעמך, וואס בעהט דער אייבערשטער פון דיר, כי אם ליראה את ה' אלקיך, ולאהבה אותו, וללכת בדרכיו, לשמור מצות ה'. דו מיינסט אז דו טוסט א טובה פארן רבונו של עולם, ווען דו ווערסט פאלגען וואס דער אייבערשטער זאגט, און פאר דעם האט ער דיר געגעבן די מצות. ניין, לטוב לך, דער אייבערשטער האט עס געגעבן, אז פאר דיר זאל זיין גוט. א יוד דארף צוקומען צו די הכרה און וויסען, אז ער האט פאר קיינעם נישט א טובה געטון מיט זיין תורה און עבודת ה'. עס איז לטוב 'לך', נאר פאר זיך אליין. דער אייבערשטער האט אונז געגעבן א תורת אמת, צו וויסען ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן, כדי אונז זאל מיר קענען אליין שטייגען.

**עס** איז 'לטוב לך' אין גשמיות, און עס איז 'לטוב לך' אין רוחניות. אין רוחניות איז דאך נישט שייך צו זאגען, אונז האב מיר נישט א השגה, ווי גרויס עס איז דער חלק לעולם הבא וואס ווארט אפ פאר יעדן יוד וואס דינט דער אייבערשטען אויף די וועלט. אבער עס איז אויך לטוב לך אין עולם הזה, אם אתה עושה כן, אשריך בעולם הזה, וטוב לך לעולם הבא (אבות ו-ד), ווען מען וואקסט אויס א תלמיד חכם, מען גייט ארויס פון ישיבה א בן תורה, איז עס א אנדערע סארט לעבן, מען שטעלט אויף א אנדערע סארט שטוב, זיין גאנצע השגה איז אנדערש. עס איז אינו דומה ווען א מענטש האט

פארשפילט זיינע יונגע יארן, ווי ווען ער האט עס אויסגענוצט צו דינען דעם אייבערשטען. עס איז אלעס לטוב לך, אז עס זאל זיין גוט פאר דיר.

**מען** ווייסט אז אין ביזנעס איז דא צוויי ערליי סארט געשעפטן. יעדער וויל מאכן געלט, אבער עס איז דא צוויי וועגן ווי אזוי מען מאכט געלט. איין וועג איז דא, א מענטש עפנט א געשעפט, ער גייט פארקויפן חפצים, און ער האט א מאר״ק א״פ, אויף יעדע זאך וואס ער פארקויפט, פארדינט ער כך וכך. ער האט עס געקויפט פאר א דאלער, און ער פארקויפט עס פאר א דאלער פופציג. ער האט עס געקויפט פאר הונדערט דאלער, און ער פארקויפט עס פאר הונדערט און פופציג דאלער, ער פארדינט אויף יעדע חפץ זיין ריוח. און בדרך כלל, זעהט ער זיין ריוח תיכף ווען ער האט געעפנט דעם געשעפט. ער האט געקויפט, און ער האט עס ווייטער פארקויפט.

**נאכדעם** איז דא א מענטש וואס עפנט א ביזנעס. ווען ער עפנט א ביזנעס איז ער קודם משקיע טויזנטער דאלער׳ס אינעם געשעפט, ער פיקס״ט אויף א גרויסע ביזנעס, און עס נעמט אסאך מאל יארן וואס ער איז משקיע און משקיע, ער לייגט צו נאך און נאך, און ער זעהט נישט קיין רווחים תיכף, ווייל ער האט געמוזט ארייגלייגען זייער אסאך געלט, כדי אויפצובויען זיין געשעפט. אבער שפעטער ווען די ביזנעס הייבט אן צו ארבעטן, הייבט ער אן צו פארדינען שווערע טויזנטער׳ס יעדן יאר, און די ביזנעס ווערט נאך גרעסער און נאך גרעסער.

**ווער** האט בעסער אפגעשניטן? דער וואס האט עפעס פארקויפט יעדן טאג, כדי ער זאל באקומען עפעס פארדינסט, אדער דער וואס האט דערלייגט קודם אפאר יאר, און נאכדעם האט ער זיך אויפגעשטעלט א ביזנעס וואס ער פארדינט. - דער וואס האט א קליינעם שכל, קוקט קודם אז ער וויל האבן די פאר צענט. איך וועל יעצט פארלירען געלט, כדי איך זאל האבן שפעטער?! אבער דער חכם וואס איז א רואה את הנולד, דער זאגט, וואס דארף איך זיך פלאגן יעצט, און פארקויפן א באטעל מילך און א סאדע וכדומה, און אויף דעם צו פארדינען. איך וועל משקיע זיין געלט, און ארייגלייגען ארבעט, איי איך זעה נישט יעצט קיין ריוח, אבער עס וועט קומען אמאל א צייט וואס איך וועל זעהן ריוח.

**די** זעלבע איז די בחור׳ישע יארן. **עס איז דא אזעלכע וואס ווילן שוין הנאה האבן פון די וועלט, ער וויל שוין זעהן דעם ריוח. און ווי ער קען עפעס האבן א שטיקל טובת הנאה, זוכט ער זיך ארויסצודרייען פון דעם עול וואס ער דארף האבן אויף זיך. ער גייט אמאל שפאצירן, ער כאפט א שווים, און אנדערע הנאות, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק** (קהלת יא-ט) **שמח בחור בילדותך, ויטיבך לבך בימי בחורותיך. עס איז אבער דא וואס א מענטש וויל אינוועסטירן, איך וויל ארויסגיין מיט גרויסע רווחים. איך בין גרייט אוועקצוגעבן מיינע יונגע יארן, איך דארף נישט קיין שום תענוג פון די וועלט, איך בין אויף אלעס מוותר, איך דארף טאקע לעבן, איך דארף שלאפן, פת במלח תאכל ומים במשורה תשתה** (אבות ו-ד)**, איך וועל עסן, און איך וועל שלאפן, אבער אלע אנדערע זאכן אינטערעסירן מיך נישט. איך וויל אויסוואקסען א תלמיד חכם, איך וויל אויסוואקסען א מורה הוראה וכדומה, יעדער איינער וואס ער האט זיך זיינע שאיפות צו וואקסען.** די אינוועסטמענט נעמט טאקע א יאר, צוויי, דריי, פיר, וואס ער זעהט נישט קיין ריוח, ער זעהט נאר פלאג. אבער אם אתה עושה כן, אשריך בעולם הזה, וטוב לך לעולם הבא, שפעטער איז ער גליקליך.

**איך קוק אסאך מאל אן בחורים, וואס האבן זיך נישט געוואלט פלאגען אין די יוגענט. ער קען נישט אויפשטיין פארטאגס, ער קען נישט. אבער איך זעה נאך די חתונה, ווען ער דארף פארדינען נאר א פאר דאלער, אהיימצוברענגען אין שטוב, קען ער אויפשטיין פארטאגס, און ער קען שטיין אויף די גאס פון צופרי ביז ביינאכט, און ארבעטן עבודת הפרך.** ער קען, ווייל ער דארף עס האבן. **עס איז נישט דא אזא זאך ער ׳קען׳ נישט, ער ׳וויל׳ נישט. א בחור קען אלעס, ער דארף נאך וועלן.** טאמער ער שפירט אז ער גייט פארדינען דערויף, לוינט זיך אים די געשעפט. ביז ווילאנג ער קומט נישט צו, צו די הכרה, אז אויסוואקסען א תלמיד חכם, א בן תורה, דאס איז די שאיפה פונעם לעבן, דורך דעם

וועט ער צוקומען שפעטער אז ער וועט קענען פארדינען אסאך, בגשמיות וברוחניות, נעמט ער זיך נישט דערצו.

**דער** אייבערשטער זאגט טאקע, מה ה' אלקיך שואל מעמך, כי אם ליראה את ה' אלקיך, א שווערע ארבעט, מורא צו האבן פונעם אייבערשטען אויף יעדע זאך. יעדע ריר וואס דו גיבסט דארפסטו טראכטען, מעג איך עס טון, טאר איך עס נישט טון, איז עס א איסור, איז עס נישט א איסור. לאהבה את ה' אלקיך, ליב האבן דעם אייבערשטען, און אויף אלעם מוותר זיין פאר אהבת ה'. ללכת בכל דרכיו, ולעבוד את ה'. זאגט די תורה, זאלסט געדענקען, אז וואס איך בעהט פון דיר איז לטוב לך, עס איז נאר אן אינוועסטמענט, דער סוף וועט זיין, אז עס וועט דיר זיין גוט. אונזער גאנצע לעבן אויף די וועלט, איז נישט מער ווי אן אינוועסטמענט, אז מיר זאלן קענען זוכה זיין צו חיי עולם הבא.

**עס** איז דא מענטשען וואס עס גייט זיי גוט אויף די וועלט, וואס האט ער דערפון? האט ער זיבעציג יאר געהאט גוט. וואס האט ער נאכדעם? גארנישט. ער האט זיך אפגעפלאגט און אפגעארבעט, און ער גייט אוועק ליידיג פון די וועלט. אבער ווען מען איז זוכה און מען שטייגט אין עבודת ה', איז מען זוכה שפעטער צו עולם הבא, וואס עולם הבא איז יפה שעה אחת קורת רוח בעולם הבא, מכל חיי עולם הזה (אבות ד-יז). מען זאל לייגען אויף א וואגשאל גאנץ חיי עולם הזה, און מען זאל לייגען אויף די אנדערע זייט איין שעה עולם הבא, וועגט עס איבער אלע תענוגים פון די וועלט. און דאס איז נאר איין שעה קורת רוח בעולם הבא, און עולם הבא איז נישט קיין זיבעציג יאר, עולם הבא איז נצח נצחים. דאס וואס עולם הבא איז פאר די נשמה פונעם מענטש, האט נישט קיין ענדע. דאס איז טייטש, אז ער קען האבן א תענוג פון נצח נצחים, אבער עס איז אן אינוועסטמענט. דער וואס האט אריינגעלייגט דערין, ער האט זיך געפלאגט דערויף די יארן אויף די וועלט, דער קומט אן דערצו. און דאס איז אונזער ציל אינעם לעבן, 'לטוב לך'. וויסען אז צו שטייגען אין תורה און עבודת ה' דאס איז דיין טובה. און ווען מען קומט צו צו די הכרה אז דאס איז לטוב לך, וועט א מענטש אלעס טון אז ער זאל צוקומען דערצו, און ער זאל עס קענען דערגרייכען.

**מען** דארף געבען א שבח והודאה פארן אייבערשטען, אויף דעם יאר וואס איז אדורכגעגאנגען. אויף די צייטן וואס מען האט זיך געפלאגט אויף תורה, אויף די צייטן וואס מען האט מוותר געווען אויף תענוגי הגוף אוועקצוגעבן אויף לערנען. ב"ה יעדער איז אנגעקומען וויפיל ער איז אנגעקומען, אבער די עבודה הייבט זיך יעצט אן. מען איז שוין א יאר עלטער, מען איז שוין צוגעקומען מער צו די השגות, עטץ האטס שוין נישט קיין סאך צייט צו טראכטען דערין, די אינוועסטמענט וועט זיך באלד ענדיגן, יעצט קען מען נאך אריינשפרינגען דערין, יעצט ווען מען האט עס נאך, קען מען זיך נאך אויפבויען, יעצט איז די צייט זיך מקדיש צו זיין פאר תורה, אפלאזן אלע זאכען פון די וועלט, נישט אינטערעסירן קיין שום זאך וואס טוט זיך אינדרויסן. איך וויל קענען די מסכתא, איך וויל קענען די הלכה, איך וויל אז די תורה זאל זיין חדודים על פיך.

**זיך** אריינלייגען אין עבודת התפלה. **ווען א יוד איז זוכה צו שפירן א טעם אינעם דאווענען, איז עס אהבה בתענוגים, דאס דאווענען אליין איז א תענוג. עס איז א אהבת ה' וואס קומט ארויס מיטן דאווענען.** און יעצט איז די צייט דערויף. מען גייט אריין אין די שטאט, מען האט שוין גערעדט דעם שבת, די שטאט איז א מקום טומאה, ווי וויניגער מען דרייט זיך אויף די גאסן, דארף מען עס האלטן פאר א חשיבות. וויסען אז מען דארף נישט זיין נאר אין בית המדרש, אדער אינדעהיים, ערגעץ אנדערש דארף נישט אינטערעסירן. מען האט פריער געזינגען, לולא תורתך שעשועי, ווען נישט די תורה, אז אבדתי בעניי (תהלים קיט-צב). לול"א זענען די אותיות אלו"ל. אמאל איז דער חודש אלול אזוי ווי עס דארף צו זיין, א חודש פון תשובה. און אמאל איז עס אבדתי בעניי, אז מען לערנט נישט, און מען לאזט עס אדורכגיין ליידיג, און מען דרייט זיך אין די גאסן, האט מען פארלוירן אלעס. אבער 'לול"א', ווען עס קומט חודש אלול, דארף זיין 'תורתך שעשועי', דארף מען זיך מקדיש

זיין פאר תורה, ווייל אז נישט, 'אז אבדתי בעניי', קען מען פארלוירן גיין.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, אז מיר זאלן קענען אויסנוצן די פאר טאג ביז צום אנהייב פונעם זמן, און אריינקומען אי"ה מיט א פרישן התחדשות אויפן קומענדיגן זמן. זיך פארנעמען, איך וויל אויסנוצן דעם יאר, איך וויל מקדיש זיין דאס יאר, עס אינטערעסירט מיך גארנישט, איך וויל זיך אוועקגעבן, אויסצוואקסען א תלמיד חכם. קענען די מסכתא וואס מען לערנט, קענען די הלכה וואס מען לערנט, דעמאלטס וועט זיין לטוב לך, עס וועט זיין גוט נאר פאר דיר. מען האט קיינעם נישט א טובה געטון, מען האט קיינעם נישט גליקליך געמאכט, עס איז אלעס לטוב לך, עס איז פאר דיין טובה.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, אז מען זאל קענען דינען דעם אייבערשטען מתוך שמחה וטוב לבב, מען זאל קענען שטייגען און אויסוואקסען גרויס אין תורה און עבודת ה'. און די עלטערן זאלן זעהן ביי ענק אסאך יודיש נחת, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות, אויף לאנגע געזונטע יארן. און מיר זאלן אלע זוכה זיין, אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר המסיבה נסע **רבינו שליט"א** למאנסי והשתתף אצל השבע ברכות של בן ש"ב הרה"ג **שלום דייטש** שליט"א (בני ברק, בן הגה"צ **רבי משה דייטש** זצ"ל, רב דקהל בית שלום שאץ-קטמון, לונדון), עב"ג בת הר"ר **יצחק ברוך רומפלער** הי"ו, שהתקיים באולם שע"י ביהמ"ד בית יוסף מאיר.

אחר השבע ברכות נסע **רבינו שליט"א** לקרית יואל והשתתף אצל הבר מצוה של בן הר"ר **נחמיה פייערווערקער** הי"ו, שהתקיים באולם קרן ויואל משה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** געפונט די וואך אין די פרשה, משה רבינו האט געזאגט פאר יודען, אז מען זאל אפהיטן די מצות פונעם אייבערשטען, לעשות הישר בעיני ה' אלקיך, און ער גיט נאכדעם צו, בנים אתם לה' אלקיכם (דברים יד-א), עטץ זענטס קינדער פארן אייבערשטען.

**עס** קען אפשר זיין א כוונה דערין. די גמרא (סנהדרין יט:) זאגט, כל המלמד בן חבירו תורה, מעלה עליו הכתוב כאילו ילדו, ווען איינער לערנט תורה מיט יענעם, ווערט עס גערעכנט ווי ער וואלט אים געבוירן. עס איז דא אמאל וואס מען האט א גשמיות'דיגע קינד, און עס איז דא אמאל וואס מען האט א רוחניות'דיגן בן. ווען איינער לערנט תורה מיט יענעמס קינד, ווערט דאס קינד גערעכנט ווי א אייגען קינד, אלץ די חשיבות פון מעלה עליו הכתוב כאילו ילדו.

**עס** שטייט אין **נועם מגדים** (פ' נח), אז פונקט אזוי ווי ווען מען לערנט תורה מיט א פרעמדן, ווערט עס גערעכנט כאילו ילדו, דאס זעלבע ווען א יוד לערנט תורה מיט זיך אליין, ווערט ער גערעכנט כאילו ער האט זיך אליין געבוירן. ער איז נישט ערגער ווי ווען ער לערנט תורה מיט א צווייטען, וואס עס איז מעלה עליו הכתוב כאילו ילדו. גיט צו דער **נועם מגדים**, 'אלה תולדות נח, נח' (בראשית ו-ט), די תולדות פון נח, איז געווען נח אליין. ווייל אז 'איש צדיק תמים היה בדורותיו', אז ער האט געלערנט און ער איז אויסגעוואקסען א תלמיד חכם, איז ער נישט ערגער ווי ווען איינער לערנט תורה מיט א פרעמדען וואס ער ווערט גערעכנט ווי א קינד. די תולדות פון נח איז געווען נח אליין, ער איז אליין געווען די תולדות.

**אין** הייליגע ספרים שטייט, אז בדרך כלל איז דער סדר ביי מענטשען, אז ווען ער לערנט תורה טראכט ער, אז ער וועט נאך אמאל עפעס אויסוואקסען. אבער ווען ער ווערט עלטער, און ער זעהט אז ער איז נישט צוגעקומען צו דעם וואס ער האט געטראכט אז ער וועט צוקומען, איז נאכדעם אלץ די שאיפה פון א טאטען, אז מיין קינד וועל איך מחנך זיין. מיין קינד וועט אויסוואקסען א תלמיד חכם, איך וועל זעהן אז ער זאל לערנען תורה. ווען דאס קינד ווערט גרעסער, איז אויך די זעלבע. ער טראכט איך בין שוין פארפאלן, אבער ער וועט זעהן אז זיין קינד זאל אויסוואקסען. זאגט מען נאך, אז דער הייליגער

**רבי בונם פון פרשיסחא** האט געזאגט, אז **'ער וואלט שוין געוואלט זעהן דאס גליקליך קינד, וואס די גאנצע וועלט הארעוועט פאר אים'**. ווייל יעדער הארעוועט דאך פאר זיין קינד, און דאס קינד הארעוועט פאר זיין קינד, ער וואלט שוין געוואלט זעהן די פירות וואס קומען ארויס פון דעם קינד.

**אבער** עס איז נישט אזוי, א יוד דארף נישט נאר הארעווען פאר זיינע קינדער, אוודאי דארף מען מחנך זיין די קינדער, חנוך לנער על פי דרכו גם כי יזקין לא יסור ממנו (משלי כב-ו), אבער די גרעסטע חינוך פון קינדער איז, אז מען וואקסט אליין אויס. מען לערנט אליין, מען ברענגט נישט אן די צייט, ווען ער האט א מינוט פריי, זעהט דאס קינד ווי אזוי דער טאטע זיצט ביי א ספר און ער לערנט. אז מען וויל אז דאס קינד זאל אויסוואקסען, דארף דער טאטע אליין גיין אויף דעם וועג, און דורך דעם וואקסען אויך די קינדער אויס תלמידי חכמים.

**אלה** תולדות נח, דאס וואס די גאנצע וועלט קוקט ארויס אויף די תולדות, אז זיינע קינדער זאלן אויסוואקסען שיינע פירות. די תולדות פון נח, דאס איז נח אליין. ער האט נישט געארבעט פאר זיינע קינדער, נאר ער האט זיך אליין באטראכט ווי ער וואלט געווען דאס קינד, און ער האט געארבעט פאר זיך אליין.

**זאגט** די תורה הק', ווען עס קומט צו טון דעם רצון פונעם אייבערשטען, איז נישט גענוג אז דו זאלסט זיך באטראכטען ווי דו ביסט דער טאטע, און דו וועסט זעהן אז דיינע קינדער זאלן אויסוואקסען, נאר בנים אתם לה' אלקיכם, דו זאלסט זיין דאס קינד אליין. דו אליין זיי א בן, עטץ זאלטס אלע זיין בנים פארן אייבערשטען. נישט ווי מענטשן הארעווען אז די קינדער זאלן אויסוואקסען, נאר מען דארף הארעווען אויף זיך אליין, אז מען זאל אליין אויסשטייגען.

*

אחר הבר מצוה עלה **רבינו שליט"א** ביחד עם מנין אנ"ש לציון **הרה"ק מסאטמאר זצ"ל**. אחר שאמר כמה מזמורי תהלים, התפלל תפלה חרישית, וקיבל פתקאות מקהל הנאספים.

***יום שני פרשת ראה***

אחר תפלת מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הוואכנאכט של בן הר"ר **איסר ציגעלהיים** הי"ו, שהתקיים בחדר האוכל של מחנינו.

*

***יום שלישי פרשת ראה***

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **איסר ציגעלהיים** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות, ומסר את הכוס **לכ"ק האדמו"ר מבית יצחק ספינקא שליט"א** לאמירת הברכות. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** וואך אין די פרשה זאגט די תורה הק', אבד תאבדון את כל המקומות אשר עבדו שם הגוים, ווען מען קומט אריין קיין ארץ ישראל, זאל מען מאבד זיין די אלע פלעצער וואס די גוים האבן געדינט עבודה זרה, אשר אתם יורשים אותם את אלהיהם, וואס עטץ טוטס יורש זיין זייערע עבודה זרה'ס, על ההרים הרמים ועל הגבעות, ותחת כל עץ רענן. ונתצתם את מזבחתם, ושברתם את מצבתם וגו' ואבדתם את שמם מן המקום ההוא, לא תעשון כן לה' אלקיכם, אבער פארן אייבערשטען זאלט עטץ נישט אזוי טון (דברים יב-ב). רש"י טייטשט, אז דער פסוק לא תעשון כן לה' אלקיכם, איז א עקסטערע ענין פאר זיך. לא תעשון כן, עטץ זאלטס נישט מקטיר זיין לשמים בכל מקום, מען טאר נישט מקטיר זיין פארן אייבערשטען איבעראל, כי אם אל המקום אשר יבחר ה' אלקיכם, נאר אינעם בית המקדש. דבר אחר, אז עס גייט ארויף אויף ונתצתם, אזהרה למוחק את השם, ולנותץ אבן מן המזבח. עס איז דא א לא תעשה, אז וואס מען טוט מאבד צו זיין עבודה זרה, טאר מען נישט טון אויף קודש. מען טאר נישט מאבד זיין און נותץ זיין א אבן פון די מזבח, אדער פון די עזרה.

**איך** האב געזען אין **חתם סופר** (**בתורת משה** בפרשתנו עד.), אז יודען האבן געבויט די משכן אין מדבר און אין שילה און אין נוב וגבעון, ביז מען איז אנגעקומען צו בויען דעם בית המקדש אין

ירושלים. ווען יודען וואלטן נישט געזינדיגט, וואלט דער מקדש פון נוב וגבעון געשטאנען, און עס וואלט נישט חרוב געווארן. מען האט דאך אבער געדארפט בויען א בית המקדש אין מקום המקדש, וואלט מען געמעגט צוווארפן דעם פריערדיגען בית המקדש כדי אויפצובויען דעם נייעם בית המקדש. זאגט די תורה, כאטש לא תעשון כן לה' אלקיכם, מען טאר נישט נותץ זיין א בית המקדש, אבער טאמער עס וועט נוגע זיין אל המקום אשר יבחר ה' אלקיכם לשום את שמו שם, מען וועט דארפן האבן א פרישן בית המקדש, דעמאלטס מעג מען נותץ זיין דעם אלטן בית המקדש, כדי צו בויען א נייעם בית המקדש.

**איך** האב געטראכט, אז קען זיין, עס ליגט דערין נאך א ענין. עס שטייט ביי די גאולה העתידה (ישעיה נד-י), כי ההרים ימושו, די בערג וועלן זיך אפטון, והגבעות תמוטנה, און די גבעות וועלן זיך אויסגליטשן. וואס איז דער ענין אז עס שטייט אויף לעתיד כי ההרים ימושו והגבעות תמוטנה. איך האב געזען שטיין אין **יד דוד** (פ' ואתחנן), פון **רבי דוד אפענהיים**, ער ברענגט צו פונעם **ספר ציוני** (פ' בראשית בהג"ה ד"ה מצאתי), פון די פריערדיגע מקובלים, אז ווען דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, האט ער באשאפן א גראדע וועלט אן הרים וגבעות. נאר ביים חטא אדם הראשון איז נתקלל געווארן האדמה, און פון דעם איז געווארן די הרים וגבעות. זאגט ער, אז לעתיד וועט מתוקן ווערן דער חטא פון אדם הראשון, איז כי ההרים ימושו והגבעות תמוטנה, עס וועט צוריק ווערן א גלאטע וועלט, אזוי ווי עס איז געווען בשעת די בריאה.

**קען** זיין עס ליגט נאך א ענין דערין. די גמרא (ע"ז מה.) דרשנ'ט, אלהיהם על ההרים, מען איז נאר מחויב מאבד צו זיין די עבודה זרה'ס וואס איז דא אויף די בערג, ולא ההרים אלהיהם, טאמער מען דינט צו א בארג, ווערט עס נישט א עבודה זרה. מען קען נאר דינען צו א תלוש, און דאס דארף מען מאבד זיין, אבער א בארג ווערט נישט א עבודה זרה. אבער פאר קודש, צו בויען א בית המקדש, טאר מען נישט אויף א מקום וואס מען האט געדינט עבודה זרה. א הר וואס איז נעבד, קען מען נישט בויען א בית המקדש. און תוספות (שם ד"ה כל) שטעלט זיך אויף א קשיא, ווי אזוי האט מען געקענט בויען דעם בית המקדש, כל מקום שאתה מוצא הר וגבעה וגו' דע שיש שם עבודת כוכבים, האט מען דאך אויפן הר המוריה אויך געדינט עבודה זרה, ווי אזוי האט מען געקענט בויען דעם בית המקדש. זאגט תוספות, על פי נביא נבנה שם, עס איז געווען על פי נביא. עס איז דא צוויי פשטים אין די מפרשים, אטייל טייטשן על פי נביא, אז דער אייבערשטער האט דא מתיר געווען אז כאטש מען האט געדינט עבודה זרה, מעג מען. אטייל טייטשן על פי נביא, אז דער נביא האט מגלה געווען, אז דעם בארג האבן זיי אויסגעלאזט. איבעראל האט מען געדינט עבודה זרה, אבער אויפן הר המוריה האט דער אייבערשטער צוגעפירט אז מען זאל נישט דינען דערויף עבודה זרה. על פי נביא איז טייטש, אז דער נביא האט מגלה געווען אז דא האט מען נישט געדינט עבודה זרה. אבער ווען מען זאל ווען נישט וויסען, קען מען נישט בויען א בית המקדש אויף א הר, ווייל א הר וואס איז כשר פאר א הדיוט, איז פסול לגבוה.

**די** תורה האט געהייסען, אבד תאבדון את כל המקומות אשר עבדו שם הגוים את אלהיהם על ההרים וכו', אלע אלהיהם אויף די הרים דארף מען מאבד זיין, ולא ההרים אלהיהם, דער הר ווערט נישט גע'אסר'ט. זאגט אבער דער פסוק, כאטש איך האב דיר מתיר געווען אז דער הר ווערט נישט גע'אסר'ט, אבער לא תעשון כן לה' אלקיכם, דו קענסט נישט מאכען א הר זאל זיין לה' אלקיכם, ווייל פאר גבוה איז עס אסור. כי אם אל המקום אשר יבחר ה' אלקיכם מכל שבטיכם לשום את שמו שם, טאמער עס וועט קומען על פי נביא אז אויף דעם הר קען מען יא בויען א בית המקדש. צו מען וועט זאגען אז עס איז נישט נעבד, צו מען וועט זאגען אז מען קען בויען, דארט וועט מען קענען בויען א בית המקדש. קומט אויס, אז אלעס איז מרומז אינעם פסוק אליין. את אלהיהם על ההרים, געווענליך איז אסור פאר א הדיוט נאר על ההרים, אבער נישט ההרים אלהיהם. אבער לא תעשון כן לה' אלקיכם, לה' אלקיכם איז די הרים אויך אסור. כי אם אל המקום אשר יבחר ה' אלקיכם, דארט וועט מותר זיין די הרים (ועיין **במשך חכמה** בפרשתנו).

**קומט** דאך אויס, אז אויף יעדן בארג האט מען געדינט עבודה זרה. לעתיד ווען עס וועט זיין ואת רוח הטומאה אעביר מן הארץ (זכריה יג-ב), עס וועט נישט בלייבען קיין שום זכר פון א עבודה זרה. און א הר וואס מען האט געדינט עבודה זרה איז דאך אסור לקודש, איז דאך טייטש אז עס איז דא עפעס א נדנוד פון עבודה זרה אפילו אין א הר אויך, און כל מקום שאתה מוצא הר וגבעה, האבן די כנענים דארט געדינט עבודה זרה, וועט לעתיד ווען עס וועט זיין ואת רוח הטומאה אעביר מן הארץ, וועט זיין כי ההרים ימושו והגבעות תמוטנה, וועט דער אייבערשטער אוועקנעמען די אלע הרים, ווייל מען האט געדינט דערויף עבודה זרה. עס שטייט אין ילקוט (ישעיה תקג) אז לעתיד וועט דער בית המקדש נתפשט ווערן אזוי ווי ירושלים, און ירושלים אזוי ווי גאנץ ארץ ישראל, און ארץ ישראל ככל העולם. קומט אויס אז אלעס וועט נתקדש ווערן, וועט נישט בלייבען קיין בערג אויף די וועלט. דאס איז דער פשט כי ההרים ימושו והגבעות תמוטנה.

**ווען** מען ברענגט אריין א קינד בבריתו של אברהם אבינו, איז דאך דער תכלית מקדש צו זיין דאס קינד פארן אייבערשטען, ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם (שמות כה-ח), בתוכו לא נאמר אלא בתוכם, בתוך כל אחד ואחד מישראל. א יוד דארף זיך מקדש זיין, אז ער זאל קענען זיין א מקדש פארן אייבערשטען. א מקדש איז טייטש, א מקום פון השראת השכינה, ושכנתי בתוכם. ווען א יוד איז זוכה, ווערט ער א היכל ה' המה (ירמיה ז-ד), ווערט ער אליין א בית המקדש. א בית המקדש האט אנדערע הלכות ווי אנדערע זאכען, אפילו זאכען וואס איז מותר פאר א הדיוט, אבער לגבוה איז עס אסור, עס האט א אנדערע הלכה. א פשוט'ער יוד האט א אנדערע הלכה, און גבוה האט א אנדערע הלכה. אז מען וויל מקדש זיין א קינד, אז דאס קינד זאל קענען זיין א מקום פון השראת השכינה, עס זאל זיין לגבוה, דארף מען וויסען אז מען קען נישט טון אלעס וואס איז מותר פאר א הדיוט צו טון. דאס גיט די חיוב מיט די חיזוק פאר עלטערן, אז דער אייבערשטער העלפט, מען איז מכניס א קינד בבריתו של אברהם אבינו, און מען וואונטשט אן, אז כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים, קען מען זיך אראפלערנען פון די פרשה צו וויסען אז א הדיוט האט א אנדערע הלכה פון קודש. ביי קודש דארף מען האבן מער זהירות און מער שמירה ווי ביי א הדיוט.

*

אחר תפלת מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל סיום מסכת נדרים שלמדו במשך השנה בישיבה קטנה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** האט פריער געהערט טייערע ווערטער פונעם חשוב'ן מנהל, וואס ער האט אזוי שיין ארויסגעברענגט וואס עס איז דער תכלית פון א בחור אין ישיבה, און ער האט ארויסגעברענגט וויפיל מען איז אנגעקומען אין משך פונעם יאר. ווען מען מאכט א סעודה דארף מען דאנקען דעם אייבערשטען אז דער באשעפער האט געהאלפן אז מען איז אדורכגעגאנגען דאס יאר מיט הצלחה, די בחורים זענען געשטיגען אין תורה און יראת שמים. איך בין נאנט צו די ישיבה א גאנץ יאר, אבער זומער בין איך דא פיר און צוואנציג שעה צוזאמען, און עס איז באמת צו באוואונדערן, ווי שיין מען האט זיך אויפגעפירט. עס איז א קידוש שם שמים, אז מען קען אדורכגיין א גאנצן זומער און זיין אנגעלאדענט מיט תורה פון צופרי און ביינאכט, ווען מען איז אריינגעקומען אין בית המדרש האט מען געזען בחורים זיצען און לערנען. און דאס התנהגות אין משך פונעם זומער איז געווען אויף זייער א שיינעם און איידלען אופן. דער אייבערשטער זאל געבן, אז מען זאל ווייטער ממשיך זיין אזוי אויף די שפעטערדיגע יארן, אויפן גאנצן לעבן.

**די** תורה הק' די וואך הייבט אן, משה רבינו זאגט, ראה אנכי נותן לפניכם היום ברכה וקללה, איך געב פאר ענק א ברכה און א קללה, את הברכה אשר תשמעו אל מצות ה' וגו', והקללה אם לא תשמעו (דברים יא-כו). אין די מפרשים שטייט, ווען איינער האלט די תורה, דארף מען נישט געבן א ברכה, און ווען איינער האלט נישט די תורה, דארף מען נישט געבן א קללה, ווייל די גרעסטע ברכה איז, אשר

תשמעו אל מצות ה׳, ווען מען קומט צו די השגה אז מען פארשטייט, אז דאס אליין אז מען ארבעט זיך אויס, און מען וואקסט אין תורה און אין יראת שמים, דאס איז די גרעסטע ברכה. והקללה אם לא תשמעו אל מצות ה׳, אז מען קוקט אויס אזוי ווי עס קוקן אויס די אלע וואס זענען נישט אין בית המדרש, ווי אזוי זיי דרייען זיך ארום אויף די גאסן, דאס איז די גרעסטע קללה. מען דארף נישט שעלטען איינעם וואס לאזט איבער דעם דרך התורה, ווייל ער איז געשאלטען פון זיך אליין. אזוי שטייט אין די מפרשים.

**דער** הייליגער **חתם סופר** (בפרשתנו נ:) שטעלט זיך, אז ער הייבט אן ׳ראה׳, א לשון יחיד. מען רעדט צו א יחיד, ראה, דו זעה. נאכדעם זאגט ער, אנכי נותן ׳לפניכם׳, איך געב פאר ענק, רעדט ער צו א רבים. עס וואלט געדארפט צו שטיין, ראה אנכי נותן לפניך, איך געב פאר דיר ברכה וקללה. פארוואס שטייט לפניכם.

**זאגט** דער הייליגער **חתם סופר**, אז די גמרא (קידושין מ:) זאגט, אז ביי יעדע מצוה וואס א יוד טוט, איז ער מכריע די גאנצע וועלט לכף זכות. אמאל קען זיין אז די וועלט שטייט אויף א וואגשאל, און מיט איין מעשה וואס א מענטש האט געטון, האט ער מכריע געווען די גאנצע וועלט לכף זכות. און פארקערט אויך, ווען די וועלט איז געווען אייניג זכיות מיט חוב, קען ער מיט איין עבירה וואס ער טוט, מכריע זיין די גאנצע וועלט לכף חובה. און אמאל איז מען ׳זיך׳ מכריע לכף זכות, ווען זיינע מעשים אליין זענען האלב אויף האלב, און ער טוט א גוטע זאך, איז ער זיך מכריע לכף זכות.

**זאגט** דער **חתם סופר**, יעדער יוד דארף טראכטען ביי זיך שטענדיג, וואס דו טוסט, טראכט, אז דו טוסט עס נישט פאר דיר, עס איז פאר די גאנצע וועלט. ווען דו גייסט אויפן ריכטיגען וועג, קענסטו ברענגען א ברכה פאר די גאנצע וועלט, און טאמער דו גייסט נישט אויפן ריכטיגען וועג, קענסטו ברענגען א קללה פאר יעדן איינעם. ׳ראה׳, מען רעדט צו דעם יחיד, דו זיי דיך מתבונן, אז ווי אזוי דו פירסט זיך אויף, אנכי נותן ׳לפניכם׳ היום ברכה וקללה, קענסטו געבן פאר יעדן איינעם א ברכה אדער א קללה. את הברכה אשר תשמעו אל מצות ה׳, והקללה אם לא תשמעו.

**דער חתם סופר** זאגט עס כלליות׳דיג אויף די וועלט, אבער איך וועל עס ארויסברענגען כלפי בחורים וואס זענען אין ישיבה. מען האט פריער געהערט, אז א קיבוץ פון א ישיבה איז געשטעלט געווארן, אז מען זאל זיך לערנען איינער פונעם אנדערן. **די הצלחה וואס א בחור האט, וואס ער נעמט ארויס פון א ישיבה, איז אסאך מאל נישט דאס וואס ער לערנט ביים מגיד שיעור די מסכתא, און נישט דאס וואס ער האט א שייכות מיטן משגיח, נאר וואס מען לערנט זיך אראפ צווישן זיך. ווען מען איז אין א גוטע סביבה, לערנט מען זיך אראפ איינער פונעם אנדערן צו שטייגען, נאכצוטון וואס יענער טוט. יעדער וואס געפונט זיך אין א מקום פון רבים, דארף ער ביי יעדע זאך וואס ער טוט טראכטען, עס איז נישט אז איך האב געטון פאר מיר, איך האב געלערנט פאר מיר, צו איך האב נישט געלערנט פאר מיר, נאר ער דארף וויסען, אז וואס דו טוסט האט א השפעה פארן גאנצן ציבור. ווען דו פארהערסט זיך א מסכת, מיינט עס נישט אז ׳דו׳ האסט זיך פארהערט די מסכת, נאר דו האסט מיט דעם צוגעהאלפן אז נאך צענדליגער בחורים האבן זיך פארהערט די מסכתא, צו א האלבע מסכתא, צו א דריי פערטל מסכתא. ווען מען זעהט דיך לערנען אין בית המדרש אין די פרייע צייט, נישט נאר דו האסט געלערנט די שעה, נאר דו האסט אריינגעברענגט א רוח פון לערנען פאר א אנדערן אויך. אז ווער עס קומט אריין טראכט, אז מיין חבר קען זיצען אין בית המדרש, וועל איך אויך זיצען.**

**פארקערט** אויך, **יעדע זאך וואס א מענטש איז מזלזל ברבים, סיי עס איז א זלזול אין התמדת התורה, סיי ביים דאווענען צו ער שטייט ווי א אבן דומם, און ער דאווענט נישט. נישט ׳ער׳ האט נישט געדאווענט, נאר ער האט אראפגעברענגט דאס דאווענען ביים גאנצן ציבור. אז דו דאווענסט נישט, דאווענט דער צווייטער אויך נישט.** אזוי איז די טבע פון מענטשן, ער ווערט נגרר, ער לערנט זיך אראפ איינער פונעם אנדערן. - און דאס דארף זיך א

מענטש שטענדיג מתבונן זיין, אז וואס ער טוט, נישט ער טוט עס פאר זיך, נאר 'ראה' יעדער זאל זיך מתבונן זיין, אז אנכי נותן 'לפניכם' היום ברכה וקללה, ער קען געבן פאר יעדן איינעם א ברכה, און ער קען געבן ח"ו א קללה. את הברכה אשר תשמעו אל מצות ה', אז מען הערט זיך צו צו די מצות פון די תורה, איז עס נישט נאר אז 'דו' האסט צוגעהערט צו די מצות פון די תורה, נאר עס איז אנכי נותן לפניכם ברכה, ביזט משפיע מיט דעם פאר אנדערע אויך. און פארקערט אויך, אם לא תשמעו, איז עס נישט נאר א קללה פאר זיך אליין, נאר עס איז א קללה לפניכם, ער ברענגט אראפ אנדערע אויך.

**ב"ה** מען האט זיך אסאך געקענט לערנען פון די בחורים, איינער פונעם צווייטען, למעליותא. מדות טובות, לערנען פלייסיג, דאווענען ערליך. מען קומט אהיים צו די שטאט, עס איז נישט א פריקת עול, אראפווארפען די עול וואס מען האט געהאט דא, נאר מען דארף עס מיטנעמען מיט זיך אין די שטאט. דאס דאווענען דארף אויסקוקען ביי א יעדן בחור, כאילו ער געפונט זיך אין ישיבה. צו ער דאווענט אין ישיבה, צו ער דאווענט אין א פריוואטען בית המדרש, צו עס איז אינדערוואכן צו עס איז שבת. אזוי ווי ער האט געדאווענט דא, ער איז געשטאנען אויף איין פלאץ, פון אנהייב דאווענען ביז צום סוף, אזוי דארף מען דאווענען ווען מען קומט אהיים.

**מען** האט אויסגענוצט די צייט אויף לימוד התורה ווען מען איז געווען דא, די זעלבע זאך דארף מען אויסנוצן די צייט אויך אינדערהיים. מארגען ביינאכט דארף מען שוין זיצען אין בית המדרש און לערנען, און דעם אנדערן טאג דארף ער האבן א חברותא צו לערנען. נישט גיין ליידיג, בטלה ברענגט נישט קיין גוטע זאכען. אין א פאר טאג קען מען קאליע מאכען אלעס וואס מען האט זיך קונה געווען דא אין משך פונעם זומער. מען גייט אהיים פונעם זומער אנגעלאדענט מיט אזויפיל תורה און יראת שמים, זאל מען עס נישט פארלירען, נאר ממשיך זיין. יעדע זאך וואס מען גייט טון אין שטוב, זאל מען ווייסען אז איך בין ממשיך וואס איך האב געטון אין ישיבה. די זעלבע וועג וואס איך האב זיך געפירט דא, דאס וויל איך מיטנעמען מיט מיר שפעטער, דעמאלטס איז מען מצליח.

**איך** וויל באדאנקן פארן חשובן מנהל וואס לייגט אריין אויסערגעוועהנליכע כוחות אין די בחורים. עס איז זיכער אז א יעדער פון ענק איז אים מכיר טובה אויף די עליה וואס ער האט געהאט אין משך פונעם יאר. און פאר די חשובע מגידי שיעורים וואס געבן זיך איבער בלב ובנפש פאר די בחורים. זאל דער אייבערשטער געבן, אז מען זאל קענען ווייטער אויך ממשיך זיין אין דעם וועג, און שטייגען אין תורה און יראת שמים. - עס קומט שוין חודש אלול, מען זאל זיך קענען צוגרייטען צו די ימי התשובה, טעג וואס זענען דערהויבענע טעג, אני לדודי ודודי לי, צייטן און טעג וואס מען קען זיך גרינגער מקרב זיין צום רבונו של עולם. זאלן מיר זוכה זיין אלע אינאיינעם צו האבן א גוט געבענטשט יאר, א כתיבה וחתימה טובה, און אינאיינעם אנטקעגען גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

***יום רביעי פרשת ראה***

אחר תפלת שחרית הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים לרגל היארצייט של חותנו **הגה"צ אב"ד וואדקערט זצ"ל**.

*

***יום שישי פרשת ראה***

אחר תפלת שחרית התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הרב **יהודא באדאנסקי** שליט"א.

*

***שבת קודש פרשת ראה***

אחר התפלה התקיים קידושא רבא לרגל השמחה בבית **רבינו שליט"א** בהולדת הנכדה, בת לחתנו **הרה"ג רבי יואל ווייסמאנדל שליט"א**.